**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 9/7/2021 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול אנאנסירט $6 מיליאן פאר קלימאט ענדערונג יוסטיץ פעלאושיפס פאר׳ן בענעפיט פון אומפארגינציגסטע קאמיוניטיס און פריאריטעט באפעלקערונגען**

***פאנדינג וועלן שטיצן 150 פעלאושיפס אין לויף פון דריי יאר***

***וואנסירט ניו יארק סטעיט׳ס אנטשלאסנקייט צו פארזיכערן א גלייכבארעכטיגטע ריינע ענערגיע טראנזיציע פאר אלע ניו יארקערס; אנאנסמענט קומט בעפאר קלימאט וואך***

***אפליקאציעס קען מען געפונען [דא](#)***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט עס איז איצט פארהאן 6 מיליאן דאלער אויף א צייט אפשניט פון דריי יאר צו שטיצן 150 קלימאט יוסטיץ פעלאושיפ געלעגנהייטן פאר אינדיווידועלן לענגאויס דעם סטעיט וועלכע וואוינען אין היסטאריש אומפארגינציגסטע קאמיוניטיס אדער פון פריאריטעט באפעלקערונגען. דער דאזיגער אנאנסמענט, אין פארברייטערונג פון ניו יארק׳ס אנקומענדע פייערונג פון קלימאט וואך פון סעפטעמבער 20 ביז סעפטעמבער 26, העלפט שטיצן ניו יארק סטעיט׳ס אנטשלאסנקייט צו פארזיכערן א גלייכבארעכטיגטע ריינע ענערגיע טראנזיציע פאר אלע ניו יארקערס ווי פארלאנגט דורך דער קלימאט פירערשאפט און קאמיוניטי באשיצונג אקט.

"די פעלאושיפס צייגן וויאזוי ניו יארק ארבעט אויף אונטערצוהאלטן נייע און איינפעליגע וועגן צו שטיצן קלימאט יוסטיץ און ריינע ענערגיע טרענירונג פאר אינדיווידועלן אין אומפארגינציגסטע קאמיוניטיס און אין דער זעלבער צייט סטימולירן הנאה׳דיגע קאריערע וועגן פאר צוקונפטיגע ניו יארקער דורות," **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "די פאנדינג וועט געבן פאר ניו יארקערס פון אונטער-פארטרעטענע הינטערגרונדן א פרישע געלעגנהייט אנטיילצונעמען אין אונזער עקאנאמיע. עס איז קריטיש-וויכטיג אז מיר זאלן זיך קאנצענטרירן אויף צו שאפן אן אינקלוסיווער גרינע מארק-פלאץ דורך אפכאפן המצאות, טאלאנט, און מבינות פון ניו יארקערס בשעת מיר ארבעטן צו גרייכן דער סטעיט׳ס אמביציעזע קלימאט צילן."

דער פראגראם, אדמיניסטרירט דורך דער ניו יארק סטעיט ענערגיע פארשונג און אנטוויקלונג אויטאריטעט, זוכט אפליקאציעס פון אויפנעמער-ארבעטסגעבער צו שטיצן דער פראפעסיאנעלע אנטוויקלונג, טרענירונג, און מענטארשאפט פון פול-צייטיגע פעלאוס וועלכע וואוינען איצט אין [אומפארגינציגסטע קאמיוניטיס](#) אדער פון פריאריטעט באפעלקערונגען—אריינגערעכנט די פון לאָו-אינקאָם, דיסעיבעלד, היימלאזע, און געוועזענע-איינגעשפארטע, איינוואוינער פון ענווייראנמענטאלע יוסטיץ קאמיוניטיס, וועטעראנען, און נעיטיוו אמעריקאנע, צווישן אנדערע.

סעלעקטירטע פעלאוס וועלן ארבעטן מיט קאמיוניטי-באזירטע ארגאניזאציעס, אוניווערסיטעטן, מוניציפאליטעטן, קלימאט טעק אינאווירער און סטארט-אפס, און ריינע ענערגיע ביזנעסער צו העלפן און שטיצן קאמיוניטי באשעפטיגונג אקטיוויטעטן, ריינע ענערגיע פראיעקט אנטוויקלונג און איינפירונג, בויען

מיטארבעטשאפט, ריינע ענערגיע סטאַרט-אַפּס, אדער אנדערע פראיעקטן וועלכע אוואנסירן קלימאט יוסטיץ און ריינע ענערגיע פריאריטעטן אין אומפארגינציגסטע קאמיוניטיס.

**NYSERDA פרעזידענט און סי-אי-או דאריען מ. האריס האט געזאגט,** "די וועלכע וואוינען אין היסטאריש אומפארגינציגסטע קאמיוניטיס זענען מערסט באקאנט מיט די געברויכן פון זייערע קאמיוניטיס. אונזער קלימאט יוסטיץ פעלאושיפ פראגראם איז אייגנארטיג אין דעם וואס עס ערלויבט פאר אינדיווידועלן זיך צוזאמצופּאָרן מיט קערפערשאפטן וועלכע ווילן דורכפירן ריינע ענערגיע און קלימאט יוסטיץ באמיאונגען אין די זעלביגע קאמיוניטיס - שאפנדיג אייגנארטיגע שותפות׳ן און העלפן פארזיכערן א גלייכבארעכטיגטע גרינע טראנזיציע אין געגנטער וועלכע זענען היסטאריש געווען אונטערסערווירט."

NYSERDA וועט פינאנצירן אומגעפער 50 פעלאושיפּס אין 2021 און ביז 100 פעלאושיפּס ביז נאך 2023, און וועט ארבעטן אינאיינעם מיט סטעיט און פעדעראלע אגענטורן, נאן-פראפיטס, פאנדעישענס, און אנדערע מיטארבעטער אויסצוניצן עקזיסטירנדע רעסורסן און ארומנעמיגע סערוויסעס ווי טראנספארטאציע און טשיילד-קעיר סערוויסעס, טרענירונג, און פראפעסיאנעלע אנטוויקלונג געלעגנהייטן.

[אפליקאציעס](#) מוזן ווערן אריינגעגעבן ביז 3 נאכמיטאג EST אום אקטאבער 28, 2021. אויפנעמער-ארבעטסגעבער מוזן זיך ווענדן צו דעם פראגראם מיט א פעלאו קאנדידאט אידענטיפיצירט. ארבעטסגעבער ווען מוזן אויסרעכענען ספעציפישע אקטיוויטעטן וועלכע דער פעלאו וועט אונטערנעמען איבער דער 12-חדשים׳דיגע צייט אפשניט. דער פאראויסגעזעענע צייטליניע פאר אפליקאציעס איז:
הערבסט 2021, גרופע 1; ווינטער/פרילינג 2022, גרופע 2; ווינטער/פרילינג 2023, גרופע 3.

NYSERDA וועט דורכפירן אן אינפארמאציע וועבינאר אום סעפטעמבער 16, 2021, 10:00 אינדערפרי EST אויף איבערצוקוקן די אנוועגד פארלאנגען און ענטפערן פראגעס. פאראינטערעסירטע אנטיילנעמער קענען זיך רעגיסטרירן דורך אימעיל׳ען WFinfo@nyserda.ny.gov מיט דער טעמע ליניע "PON 4772 Climate Justice Fellowship" אויף צו פארלאנגען מער אינפארמאציע.

**סענאטאר קעווין פארקער האט געזאגט,** "אדרעסירן קלימאט יוסטיץ איז א הויפט שטאנדטייל צו גרייכן די ענערגיע צילן פאר אונזער סטעיט. איך אפלאדיר גאווערנער האקול און NYSERDA פאר׳ן פארשפרעכן צו אינוועסטירן אין פעלאוס וועלכע וועלן ארבעטן אין-האַוס מיט פארשידענע ארגאניזאציעס אויף ריינע ענערגיע פראיעקט אנטוויקלונג און איינפירונג. דאס איז א וויכטיגע געלעגנהייט און וועט העלפן פארזיכערן אז מיר זאלן גרייכן די צילן וועלכע מיר האבן אוועקגעשטעלט אין דער קלימאט פירערשאפט און קאמיוניטי באשיצונג אקט (CLCPA)."

**סענאטארקע דזשעסיקע ראַמאָס האט געזאגט,** "די פלעש-פלאד אינצידענטן פון פאריגע וואך האבן געברענגט ריזיגע שאדנס און אפילו פאטאליטעטן, און ניו יארק׳ס קלימאט אינפראסטרוקטור וואלט געדארפט שוין נעכטן פארבעסערט ווערן. דער קלימאט יוסטיץ פעלאושיפ פראגראם וועט בויען פירערשאפט פעאיגקייטן לענגאויס אונזער סטעיט אונז צו האלטן זיכער. איך אפלאדיר גאווערנער האקול פאר נישט פארברענגען די צייט. אנערקענען אז מיר מוזן צושטעלן לאָו-אינקאם מענטשן און מענטשן פון קאלירטע אפשטאם מיט די געלעגנהייט צו ארבעטן אין אונזערע קאמיוניטיס צו באקעמפען קלימאט ענדערונג קענען נאר זיין דער אנהייב טריט פון באדייטנדע אינוועסטירונגען צו באשיצן אונזערע קאמיוניטיס און ענדיגן פאסיל-פיוּעל אנגעוויזנקייט איינמאל פאר אלעמאל."

**400׳ פאנדעישען׳ VP און מיט-גרונדער און היסטאריש עמאנועל AME קירכע פאסטאר רעוו. דר. קאהלי סי. מוטו האט געזאגט,"** קלימאט ענדערונג און לופט פארפעסטיגונג האלטן אן ווייטער ארויסצוציען א ספעציעל פיינליכע קאסט אויף אונזער קאמיוניטי. גרינע דזשאבס מוזן זיין א פאקוס פונקט אויף צו דערגרייכן עקאנאמישע יוסטיץ און צושטעלן פאר ניו יארק׳ס שווארצע קאמיוניטי גלייכבארעכטיגטע קאריערע געלעגנהייטן. נאך 400 יאר פון דיסקרימינאציע אויף דיסקרימינאציע איז העכסט צייט פאר די דאזיגע סארטן הויך-קוואליטעט בילדונג און דזשאב טרענירונג געלעגנהייטן. אין איין שאס וועט דער קלימאט יוסטיץ פעלאושיפ סערווירן צו עלימינירן ראסע אומגלייכקייט אין סיי קאריערע געלעגנהייטן און סיי קאמיוניטי ענווייראנמענטאלע געזונט און זיכערהייט, און ציען BIPOC קאמיוניטיס נענטער צו גלייכקייט ווי סיי ווען אין דער פארגאנגענהייט."

**אדיראנדעק נארט קאנטרי אסאסיעשען ריינע ענערגיע פראגראם דירעקטאר דזשעראד בלעי, CEM, האט געזאגט,** "ANCA איז באגייסטערט מיט גאווערנער האקול׳ס אנאנסמענט ארויסצושטעלן דער קלימאט יוסטיץ פעלאושיפ פראגראם. דער פעלאושיפ פראגראם ערלויבט פאר ארגאניזאציעס ווי ANCA צו בויען אויף די צוטרוי און קאנפידענץ מיר האבן שוין פון פריער אוועקגעשטעלט מיט די וועמען מיר פארטרעטן און אין דער זעלבער צייט צושטעלן דורכגעטראכטע אנטוויקלונג פאר דער נעקסטער דור פון קלימאט יוסטיץ פראפעסיאנעלן. דער פאסיגער אפרוף צו די גרעסטע שוועריגקייטן וועלכע באזייטיגטע באפעלקערונגען שטייען אויס מוז קומען פון די קאמיוניטיס און מיר זענען באגייסטערט צו שטיצן אונזערע צפון ניו יארק קאמיוניטיס דורך דער געלעגנהייט און אנדערע NYSERDA פראגראמען וועלכע אדרעסירן גלייכקייט און יוסטיץ אין דער צייט וואס מיר פירן אויס א טראנזיציע צו א ריינע ענערגיע צוקונפט."

פאנדינג פאר דער קלימאט יוסטיץ פעלאושיפ פראגראם איז צוגעשטעלט דורך דער ריינע ענערגיע פאנד, ווי אויך אלס דער ראיאנישע גרינהויז גאז איניציאטיוו, און איז א טייל פון באלד 120 מיליאן דאלערדיגע פארשפרעכונג דורך NYSERDA צו שטיצן עקזיסטירנדע ארבעטסקראפט אנטוויקלונג און טרענירונג איניציאטיוון, וועלכס וועט העלפן טרענירן און צוגרייטן איבער 40,000 ניו יארקערס פאר וואקסנדע ריינע ענערגיע דזשאב געלעגנהייטן און ארויסהעלפן ריינע ענערגיע ביזנעסער אין רעקרוטירן, אויפנעמען, און טרענירן ארבעטער. דער קלימאט יוסטיץ פעלאושיפ פראגראם בויעט אויך אויף NYSERDA׳ס פארבינדענע באמיאונגען צוצוגרייטן דעם נעקסטן דור פון ריינע ענערגיע ארבעטער דורך פינאנצירן אינטערנשיפס און אויף-דער-דזשאב טרענירונג פאר אינדיווידועלן וועלכע זוכן זיך אנצושליסן אין דער ריינע ענערגיע אינדוסטריע. NYSERDA שטעלט צו 9.5 מיליאן דאלער צו שטיצן דער ניו יארק סטעיט ריינע ענערגיע אינטערנשיפ פראגראם און האט געשטיצט 922 אינטערנשיפס ביז היינט, און אין דער זעלבער צייט אויך צושטעלן 13.5 מיליאן דאלער פאר אויף-דער-דזשאב טרענירונג פאר ענערגיע עפעקטיווקייט און ריינע טעכנאלאגיע און האט טרענירט 675 מענטשן — פילע פון אומפארגינציגסטע קאמיוניטיס און פריאריטעט באפעלקערונגען לענגאויס דעם סטעיט.

פאר מער אינפארמאציע וועגן NYSERDA׳ס ריינע ענערגיע ארבעטסקראפט אנטוויקלונג און טרענירונג פראגראמען, ביטע באזוכט [דא](#).

**ניו יארק סטעיט׳ס לאנד-וועגווייזיגע קלימאט פלאן**

ניו יארק סטעיט׳ס לאנד-וועגווייזיגע קלימאט אגענדע איז דער מערסט-אגרעסיווער קלימאט און זויבערע ענערגיע איניציאטיוו אין דעם לאנד, רופנדיג פאר א מסודר׳דיגע און יושר׳דיגע טראנזיציע צו זויבערע ענערגיע וואס שאפט דזשאבס און טוט ווייטער אונטערהייבן א ׳גרינע עקאנאמיע׳ אין דער צייט וואס ניו יארק סטעיט ערהוילט זיך פון דער קאוויד-19 פאנדעמיע. דורך דאס ארייננגעשטעלן אין געזעץ דורך דער ׳קלימאט פירערשאפט און קאמיוניטי באשיצונג אקט׳ האט זיך ניו יארק געשטעלט אויף א וועג צו גרייכן איר פארלאנגטע ציל פאר א זערא-עמיסיע עלעקטריק סעקטאר ביים יאר 2040, אריינגערעכנט דאס שאפן פון 70 פראצענט איבערניציגע ענערגיע ביים יאר 2030, און צו דערגרייכן קארבאן

נייטראַליטעט לענגאויס דער עקאנאמיע. עס בויט אויף ניו יארק׳ס פריער-אומדערהערטער אינוועסטירונגען צו פארשנעלערן דאס שאפן פון זויבערע ענערגיע, אריינגערעכנט איבער $21 ביליאן אין 91 גרויס-פארנעמיגע ענערגיע-איבערניץ פראיעקטן לענגאויס דעם סטעיט, $6.8 ביליאן צו רעדוצירן געביידע עמיסיע, $1.8 ביליאן צו פארברייטערן סאלאר ענערגיע, מער ווי $1 ביליאן פאר זויבערע-ענערגיע טראנספארטאציע איניציאטיוון, און איבער $1.2 ביליאן אין NY ׳גרינע באנק׳ פארפליכטונגען. אלעס צוזאמען שטיצן די אינוועסטירונגען איבער 150,000 דזשאבס אין ניו יארק׳ס זויבערע ענערגיע סעקטאר אין 2019, א 2,100 פראצענטיגער העכערונג אין דער אויסגעשפרייטער סאלאר-ענערגיע סעקטאר זייט 2011 און א פארפליכטונג צו אנטוויקלען 9,000 מעגאוואטס פון ים-ווינט ענערגיע ביים יאר 2035. אונטער דער קלימאט אקט וועט ניו יארק בויען אויף די פארשריט און רעדוצירן גרינהויז גאז ארויסלאז מיט 85 פראצענט פון די 1990 שטאפלען ביז 2050, און אין דער זעלבער צייט פארזיכערן אז כאטש 35 פראצענט, און מיט׳ן ציל פון 40 פראצענט, פון די בענעפיטן פון זויבערע ענערגיע אינוועסטירונגען ווערן צוגעטיילט צו אומפארגינסטיגטע קאמיוניטיס, און אוואנסירן פארשריטן צו דעם סטעיט׳ס 2025 ענערגיע-עפעקטיווער ציל אויף צו רעדוצירן אנ-סייט ענערגיע באניץ מיט 185 טריליאן BTU פון ענדע-באניץ געשפארטע ענערגיע.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418

זיך ארויסשרייבן